# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וארא, מברכים חודש שבט, כ"ח טבת, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 17 (587)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:40
מוצאי שב"ק....................6:13

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................יואל ד׳-עמוס א׳
בבלי........................נדרים פ"ח
ירושלמי.....................פאה א׳
תוספתא........................נזיר ה׳
רמב"ם.....................נחלות א׳

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי רֵייד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה צוּלִיבּ דֶעם קוּרְצְן אָטֶעם אוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. פְרֶעגְן אַלֶע פַארְוָואס הָאבְּן זִיךְ דִי אִידְן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט, עֶר אִיז דָאךְ גֶעקוּמֶען זֵיי זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זֵיי אוֹיסְלֵייזְן, וָואלְטְן זֵיי גֶעדַארְפְט זִיךְ פְרֵייעֶן דָאס צוּ הֶערְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן יא): וָוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, הָאבְּן אִים דִי כִּישׁוּף מַאכֶער׳ס גֶעפְרֶעגְט: "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?" דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אִידְן וָואס זֶענֶען ׳עֲפָרַיִם׳ אַזוֹי וִוי עֶרְד - אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן אִין זֵיי ווִילְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען ׳תֶּבֶן׳ - גֶעטְלִיכְקֵייט?! הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי", יָא, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד, עֶר לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטִיק ׳עָפָר׳, אוּן אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן זָאגְן, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן נִיצְן זַיין מוֹיל, "הַיְנוּ עַל־יְדֵי הָאֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי", דוּרְכְ׳ן נִיצְן דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה", וָוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶער עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן, פַארְוָואס? "מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", וַוייל דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, הָאבְּן זֵיי פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין הִתְעוֹרְרוּת בַּיים זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז דֶער עֵצָה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר זֵיי. אַזוֹי וִוי ר׳ יוּדְל הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל, עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען פוּן הַארְץ?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער הִתְעוֹרְרוּת? וואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער גֶעפִילְן? דֶער עִיקָּר אִיז טוּן! נֶעם אַ תְּהִלִּים - הֵייבּ אָן זָאגְן תְּהִלִּים, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת - הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת."

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין יֶעצְט אַרַיין אִין דִי דְרִיטֶע וָואךְ פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם. וָואס הֵייסְט ׳קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם?׳ - קוּק אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס; וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, ׳נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט מִשְׁנָיוֹת׳, קוּק נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן, ׳מָארְגְן גֵיי אִיךְ נִישְׁט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת׳, קוּק נָאר אוֹיף הַיינְט, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג מִשְׁנָיוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיטְ׳ן זָאגְן תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג): "**מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה**", וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה. זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס זָאגְן נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, עֶר מַאכְט זִיךְ אַזַא חֶשְׁבּוֹן: "פָארִיגֶע וָואךְ הָאלְט אִיךְ בַּיי ׳יוֹם חֲמִישִׁי׳, דְרֵיי וָואכְן צוּרִיק הָאלְט אִיךְ בַּיי ׳יוֹם שְׁלִישִׁי׳, וואוּ זָאל אִיךְ יֶעצְט אָנְהֵייבְּן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ? קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג הֵייבּ אִיךְ אָן פְרִישׁ פוּן יוֹם רִאשׁוֹן׳", דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט זוּנְטָאג זָאגְט עֶר וַוייטֶער נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים מִיטְ׳ן חֶשְׁבּוֹן ׳אִיךְ וֶועל מַשְׁלִים זַיין מָאנְטָאג דֶעם יוֹם פוּן בֵּיידֶע טֶעג׳, מָאנְטָאג זָאגְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים, דִינְסְטָאג אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט מַשְׁלִים זַיין פוּן דְרֵיי טֶעג... אַזוֹי זָאגְט עֶר נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט: "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה מְסַיֵּים תְּהִלִּים"... וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט ׳זָאג תְּהִלִּים׳, דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ מַאשִׁין, נֶעם דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאג דֶעם הַיינְטִיגְן יוֹם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פוּן יוֹם רִאשׁוֹן, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פוּן יוֹם שֵׁנִי, דִינְסְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פוּן יוֹם שְׁלִישִׁי א.א.וו. קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן קוּק נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן, אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר נֶעמְט דִי ׳אֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי׳; עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אִים מְשׁוּגָע רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא, צֶעהַאקְט עֶר זַיין יֵצֶר הָרָע מֶער אוּן מֶער.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וָאֵרָא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ"ו) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה", אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִּיק, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, גְלֵייבְּט אָבֶּער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט אוֹיבְּן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ וִויל מֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּיינִיגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַנָאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט נָאר טוּן פְּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע.

<<<<<<

## א גוט ווארט

טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. בָּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין בַּעֲבוֹדַת ה׳, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן בְּלַייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ פַאר אַ סֶעקוּנְדֶע אוּן טְרַאכְט: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר׳. עֶפְן דַיין מוֹיל, רֶעד אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ".

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט שְׁטַארְקֵייט, עֶס בַּארוּאִיגְט; קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אִיז נִישְׁטָא. גְלֵייבּ מִיר, וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן אִין זִיךְ - לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הִיט דַיינֶע אוֹיגְן אִין מִקְוֶה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הִיטְן דִי אוֹיגְן אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵין סָרְסוּרִין דְּחַטָּאָה", דָאס הַארְץ אוּן אוֹיגְן זֶענֶען דִי מֶעקְלֶער פַאר עֲבֵירוֹת, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, "אִי יָהַבְתְּ לִי לִבָּךְ וְעֵינֶיךְ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, דַיין הַארְץ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן – "אֲנָא יְדַע דְּאַתְּ לִי", וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב): "מָה רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל הַלֵּב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִּהְיוּ אַחֲרָיו", פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ? "לְפִי שֶׁהָעֲבֵרָה תְּלוּיָה בָּהֶם", וַוייל אִין דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דָאס טוּן עֲבֵירוֹת; "הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזּוֹנָה", וַוייל אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, "וְהַלֵּב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ", נָאכְדֶעם גְלוּסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, קוּקְן אִין מִקְוֶה אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעטוּן – אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ע קְרַאנְקְהֵייט. מוֹהֲרַא"שׁ טַייטְשְׁט וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", וֶועסְט מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן וָואס דוּ זֶעסְט; זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ דָאס מֵיינְט מֶען, דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז פָּשׁוּט מְשׁוּגָע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו) אַז אַלֶע מְשׁוּגָעִים קוּמְט פוּן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הוֹיבּ אָן הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, הֶער אוֹיף קוּקְן אִין מִקְוֶה; אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מַפְקִיר זַיין דַיינֶע אוֹיגְן – וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז מֶען וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְפִירְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת, עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ח): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע", וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, "עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת", וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת.

הֶער אוֹיף קוּקְן. מֵיין נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת מֵיינְט מֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַז מֶען מֵיינְט עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אָפְּצוּלָאזְן. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען קֶען אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיפְהֶערְן קוּקְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, גֵיי אַהִין אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי קְרַאנְק דוּ בִּיסְט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעדְרֵייט, אִיךְ בִּין זִיךְ מַפְקִיר מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, אִיךְ שְׁטֵיי אִין מִקְוֶה אוּן קוּק אוּן קוּק, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשׁוּגָע, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁנֶעל תְּשׁוּבָה טוּן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִיק לֶערְנְט אָבֶּער אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סֵיי וִוי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַּאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווידֶערְאוּם דִי שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, וַוייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרַייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַּאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרַייסְט מֶען אִים דִי גְזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזַא קְלֵיינִיקַייט וִוי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כַּשְׁרוּת. עֶס אִיז בָּרוּךְ ה' הַיינְט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, עֶר זֶעט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר אוּן זַיין נָאר כָּשֵׁר, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב) צוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, הָאט זֵיי דֶער רַמְבַּ"ם גֶעשְׁרִיבְּן אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן, אוּן דָאס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר בְּלוּט אוּן הָאט פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מֹחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. זֶעט מֶען וִוי דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס, אַ זַאךְ וָואס אִיז טַאקֶע גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אָבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶער מַצָּב פוּן כַּשְׁרוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע כָּשֵׁר'עֶ שְׁחִיטָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חָלָב יִשְׂרָאֵל. נָאר גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער צֶעהֶלִימֶ'ער רָב זי"ע וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ כָּשֵׁר'עֶ שְׁחִיטָה, אוּן אוֹיךְ אַ פַאבְּרִיק פוּן כָּשֵׁר'עֶ מִילְךְ אוּן כָּשֵׁר'עֶ מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פִילֶע אִידְן פוּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת ח"ו.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זי"ע אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען מֵקִיל זַיין צוּ גֶעבְּן גוֹי'אִישֶׁע פוּטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן גֶעווִיסֶע הֶתֵּרִים אוֹיף פוּטֶער פוּן אַ גוֹי. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס בָּשָׂר בְּחָלָב?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, וִוי קוּמְט אַהֶער בָּשָׂר בְּחָלָב צוּ גוֹי'אִישֶׁע פוּטֶער? עֶר הָאט אָבֶּער גֶעפָאלְגְט אוּן נִישְׁט גֶענוּצְט דִי פוּטֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. וַוייל דֶער פַאבְּרִיק פְלֶעגְט אַרַיינְמִישְׁן פְלֵיישִׁיגֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן אִין דִי פוּטֶער עֶס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטְן טַעַם.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵּים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. אוּן מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיטְ'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי"א:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּבֶ'ער צוּ וַוייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, מֶער פוּן וִוי צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט; אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען. יֶענֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נָאךְ יָא עֶפֶּעס וֶוערְד.

אוּן אַמָאל אִיז דָא אַ מַצָּב וָואס אַ מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ גֶעלְט רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ אִים. קֶענְסְט אִים פַארְשְׁלָאגְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, עֶר דַארְף עֶס אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן. אָבֶּער אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין. >>>>>>

>>>>>> מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן זִיךְ זֵייעֶר צוּקְרֶעכְצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין שְׁוֶוער לֶעבְּן. הָאט אִים דֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט. נָאךְ סוּכּוֹת בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דֶערְמִיט הָאלְץ פַאר דִי ווִינְטֶער, אוּן עֶס אִיז דִיר נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ. ווִידֶערְאוּם אִיךְ, בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב בַּיי מַיין רֶבִּי'ן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין. אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן דִיר"... הָאט אִים דֶער צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק. מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶער דָאס נוּצְט זִיךְ אוֹיס. דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן הִתְחַזְקוּת, אוּן דָאס נוּצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס"... זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי בְּלוֹיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן חִזּוּק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אוּן דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן אַ קְרַאנְקְן? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז אוֹיב עֶר גֵייט מוּז עֶר טוּן עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר יֶענֶעם. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט זִיךְ מְחַי' זַיין בְּלוֹיז וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקֵייטְן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַוְקָא דִי פְּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה לפ"ק)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דֶער מְלַמֵּד מַאכְט חוֹזֶק פוּן מַיין קִינְד׳ס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ פְרֶעגְן, וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי מַעֲשֶׂה.

אִיךְ קוּם אַהֵיים אֵיין טָאג, מַיין וַוייבּ זֶעט אוֹיס אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן זִי דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אוּנְזֶער אִינְגְל הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל מֶער נִישְׁט מַאכְן זַיינֶע סִיוּמִים מִשְׁנַיוֹת אִין חֶדֶר, זִי הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ אוֹיסְצוּפְרֶעגְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִים, בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ דֶערְצֵיילְט אַז זַיין מְלַמֵּד טְשֶׁעפֶּעט אִים כְּסֵדֶר וֶועגְן דִי מִשְׁנַיוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל קֶען עֶר זָאגְן, "אַ קִינְד וָואס זָאגְט מִשְׁנַיוֹת קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען הוֹיךְ?", אָדֶער "וַוייל דוּ זָאגְסְט מִשְׁנַיוֹת, דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען?", אוּן דָאס גְלַייכְן נָאךְ אַסַאךְ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אַלֶעס אִיז בְּרַבִּים אִין פָּארְנְט פוּן אַלֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס.

אִיךְ צִיטֶער זֵייעֶר וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ גֵייט עֶס וַוייטֶער אַזוֹי אָן וֶועט דָאס קִינְד שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן מֶער אָנְקוּקְן דֶעם מִשְׁנַיוֹת, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נָאךְ בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע קָאשְׁמַארְן פוּנֶעם מִשְׁנַיוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. אוּן בִּכְלַל אַלֶע לִימוּדִים וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג חַס וְשָׁלוֹם בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁעמֶען מִיט דֶעם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִים כְּסֵדֶר מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד, מִיר זֶענֶען אָבֶער זֵייעֶר בַּאזָארְגְט ווִי אַזוֹי דָאס וֶועט גֵיין וַוייטֶער, ווִי לַאנְג קֶען מֶען אַזוֹי אָנְגֵיין? מִיר צִיטֶערְן אַז עֶר וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁעמֶען מִיט אוּמַאן, מִיט הַפָּצָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן דֶעם זִיסְן לֶעבְּן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> נייעס

דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית, דער גבאי פון ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו האט גדאווענט פאר'ן עמוד פסוקי דזמרה, צו שחרית האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, ביי ממקומך האט דער ראש ישיבה געזינגען גאר א ווארימע ניגון וואס האט געעפנט די הערצער פון אלע מתפללים, מוסף האט גדאווענט מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארומגערעדט פון שלום בית אז פון איין זייט זאל מען זיך נישט קריגן און טענה'ן אין שטוב, אבער פון די אנדערע זייט זאל מען אויך נישט זיין א שמאטע, אויב וויל מען עפעס א געוויסע זאך וואס די ווייב וויל נישט, זאל מען זיך נישט טענה'ען און זיך צעקריגן, אבער מען דארף אויך נישט אויפגעבן ווייל די ווייב האט איינמאל געזאגט ניין, מען קען דעם קומענדיגן טאג נאכאמאל שיין רעדן דערפון און אויסשמועסן אויב היינט וויל זי שוין יא.

ביי די סעודה שבת אינדערפרי האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ער זאל זיך פארנעמען לכבוד זיין יום הולדת, האט דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל זיך פארנעמען צו זיין פרייליך און שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן. שפעטער האט יעדער ביים טיש געזאגט א שיחה פון הייליגן רבי'ן וואס ער האט געדענקט, אויך האבן די קינדער וואס זענען געווען ביים טיש פארציילט שיינע מעשיות פון תפילה.

פון די פריע נאכמיטאג שעות האט זיך שוין דער בית המדרש אנגעהויבן אנצופילן, מען האט געזען ווי אנשי שלומינו נוצן אויס די צייט, דער מיט זיין תהלים'ל, דער מיט א משניות'ל, דער מיט א גמרא, א בית נצחי, אלע האבן געווארט מיט גרויס שפאנונג צו קענען מיטהאלטן א שלש סעודות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. די גבאים האבן צוגעגרייט די שלש סעודות, די חלות, די סאלאטן וכו' נאך פאר מנחה, כדי אלע זאלן קענען אניאגן זיך צו וואשן און עסן שלש סעודות, וויבאלד עס וואלט נישט מעגליך געווען אזא גרויסע ציבור זאל זיך קענען וואשן נאך מנחה.

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין בית המדרש בערך א פערטל צו פינף, צו מנחה איז צוגעגאנגען מו"ה משה רעכניצער הי"ו. ביי שלש סעודות איז געווען א שטארקע געדרענג, אלע זענען אבער געווען פרייליך און גדאנקט דעם אייבערשטן אז מען קען מיטהאלטן א שלש סעודות ביים ראש ישיבה. נאך עטליכע מינוט האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן זינגען זמירות לשלש סעודות, וואס מען האט געזונגען מיט גרויס ווארעמקייט, דערנאך האט מען געזונגען עטליכע ווארימע אידישע ניגונים, און נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פייערדיגע ווערטער איבער די תיקון פון די הייליגע שובבי"ם טעג, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז דער עיקר תיקון שובבי"ם קומט דורך לימוד התורה, און יעדער קען לערנען תורה, מיר האבן באקומען פון הייליגן רבי'ן א זיסער סדר דרך הלימוד. דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט א ווארט פון הייליגן רבי'ן (ליקוטי מוהר"ן ח"א, סימן י"א), חז"ל זאגן (מנחת פ"ה.) אז די כישוף-מאכערס האבן געפרעגט משה רבינו "תבן אתה מכניס לעפריים?" דו ווילסט וויזן וואס דו קענסט צווישן די גרעסטע מכשפים. האט זיי משה רבינו געענטפערט "אמרי אינשי למתא ירקא ירקא שקול", אז דארט ווי דער יריד איז פון גרינצייג, דארט וועסטו קענען גוט פארקויפן דיינע גרינצייג. האט דער רבי געטייטשט זיי האבן געפרעגט "תבן אתה מכניס לעפריים"? תבן איז פון לשון "תבונה", און "עפריים" מיינט "עפר", דו ווילסט אויסלייזן די אידן, וואס זענען אין אזא נידעריגע מצב פון "עפר" און אין זיי אריינברענגען "תבונות התורה"?, האט זיי משה רבינו געענטפערט "אמרי אינשי" דורכדעם וואס א מענטש זאגט, ער זאגט תורה, ער רעדט צום אייבערשטן, "ירקא" זאגט דער רבי מיינט תשובה, דורכדעם וואס א מענטש זאגט, וועט ער זוכה זיין צו תשובה. דער ראש ישיבה האט שטארק מעורר געווען מען זאל נוצן דעם זיסן עצה פון הייליגן רבי'ן פון "אמרי אינשי" א איד זאל זאגן און זאגן, זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און נישט קוקן אויף קיינעם, מ'האט יא געהאלטן, מ'האט נישט געהאלטן, וואס האב איך מיט זיי? איך האב נישט קיין צייט, אין די צייט וועל איך אניאגן צו לערנען די גאנצע תורה, מקרא משנה גמרא מדרש און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה האט געבעטן אלעמען מען זאל זיך מאכן שיעורים אין גמרא און משניות, לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און אזוי וועט מען זוכה זיין צו מתקן זיין די מעשים.

צו מעריב איז צוגעגאנגען מו"ה משה ראזענבערג הי"ו וואס איז יעצט אינעם יאר פון די פטירה פון זיין אומפארגעסליכן פאטער מו"ה יצחק ז"ל. נאך מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א געמאכט הבדלה ברוב עם.

צוליב דעם גרויסן עולם וואס איז געקומען צו פארן צום מלוה מלכה האט מען אפגעדינגען א גרויסע פלאץ, מען האט זיך געוואשן צו מלוה מלכה און געזינגען זמירות, נאכ'ן זינגען זמירות האט מען געזינגען פאר א לענגערע צייט ירושלימ'ע דעבקע ניגונים, עטליכע פון אנשי שלומינו האבן געטאנצן קעדאטשקע און פרייליך געמאכט דעם עולם. דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט א שיינע לענגערע התחזקות שמועס וואס מען קען הערן אויף קול ברסלב און ביים סוף שיעור האט מען ארויפגערופן אלע וואס האבן געהאט סיומים, קינדער, בחורים און טאטעס.

זונטאג אינדערפרי נאך שחרית איז פארגעקומען די ברית ביי מו"ה אברהם ראטמאן הי"ו דער ראש ישיבה איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און קריאת השם, ביים סעודת ברית האט דער ראש ישיבה גערעדט און ארויסגעברענגט די געטריישאפט פונעם בעל שמחה, וואס העלפט אזוי סאך אן קיין איבעריגע פירסום, אויך דער בעל שמחה האט גערעדט אפאר דיבורים.

שפעטער האט דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש אין ירושלים און דערנאך אין בית פיגא שולע, ווי אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט דברי חיזוק פאר די מלמדים און מחנעים, און ביים סוף טאג איז דער ראש ישיבה צוריק געקומען אין בית המדרש און גדאווענט מנחה מעריב, און דערנאך האט ער פארגעלערנט א בלאט גמרא.

פון דארט האט דער ראש ישיבה זיך ארויסגעלאזט צום לופטפעלד, אויפ'ן וועג צום עירפארט האט דער ראש ישיבה נאך אריינגעכאפט צו געבן א שיעור אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש בני ברק, דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל זיך האלטן באחדות, אויך זאל מען זען נישט צו שטערן דעם דאווענען, אז מען וויל שמועסן קען מען ארויסגיין אינדרויסן, אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט די וויכטיגקייט פון גיין הפצה, און אויסלערנען פאר נאך מענטשן אז ס'איז דא א זיסע סדר דרך הלימוד, א וועג וויאזוי יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג. דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די קינדער אויב ער האט א שיעור אין משניות, האט דער אינגל געזאגט אז ער גייט פרובירן, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט "פרובירן זאלסטו צו עסן און שלאפן, אבער לערנען דאס זאלסטו טאקע טון". אלע שיעורים קען מען שוין הערן בעז"ה אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין.

אנשי שלומינו זענען ארויס מיט א געוואלדיגע חיזוק פון דעם קורצן אבער אנגעפילטן באזוך, וואס וועט לאנג גדענקט ווערן ביי אלעמען.

**ולירושלים עירך ברחמים תשוב!**

**וָואס זָאלְן מִיר טוּן? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז בִּיטֶע אַרוֹיסְהֶעלְפְן.**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵּד, רֶעד צוּ אִים. הוֹיבּ אָן מִיט גוּטְנְס, זָאג אִים וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט אוּן וִוי שְׁטַארְק דַיין זוּן הָאט לִיבּ צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר. פְרֶעג אִים צִי עֶר אִיז צוּפְרִידְן פוּן דַיין זוּן, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים; אַז דַיין זוּן הָאט אַ גֶעפִיל אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס דִי וֶועג, אוֹיבּ עֶר קֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן אִים אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן.

פְרֶעג אִים אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אִים אַז דַיין זוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת. זָאג אִים אַז דַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים לֶעצְטְנְס אַז דֶער מְלַמֵּד זָאגְט אִים יֶעדֶעס מָאל עֶפֶּעס אַ טְשֶׁעפֶּע אוֹיף מִשְׁנַיוֹת, בֶּעט אִים עֶר זָאל מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען. פְרֶעג אִים אוֹיבּ עֶר וִויל דֶערְמַאנֶען דַיין זוּן צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ עֶר קֶען דָאס זָאגְן אָן אַוֶועק מַאכְן דָאס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת; אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען דַיין זוּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי סִיוּמִים פוּן דַיין קִינְד אִין שְׁטוּבּ אָדֶער מִיט חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, וַוייל דִי וֶועלְט הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִינֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים זֶענֶען מְחַנְכִים; עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס וֶועלְן נָאר אוֹיסְלוֹיבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי טוּעֶן וָואס זֵיי זָאגְן אוּן וָואס זֵיי הַאלְטְן וְכוּ', אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט הָאבְּן אַ מִנְהָג טוֹב פוּן שְׁטוּבּ וָואס דֶער מְלַמֵּד פִירְט זִיךְ נִישְׁט - וֶועט עֶר דָאס אַוֶועקְמַאכְן, דֶערִיבֶּער אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְלוֹיבְּן דַיין קִינְד אִין שְׁטוּבּ.

מִן הַסְּתָם הָאסְטוּ גֶעזֶען וָואס מִיר טוּעֶן אִין אוּמַאן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר נֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי כָּבוֹד, מֶען גֶעבְּט זֵיי דִי הַרְגָשָׁה אַז אַלֶע פַּאטְשְׁן, אַלֶע קְלַאפְּן פַאר זֵיי; אַזוֹי בַּאקוּמֶען זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵים זַיין. אִיךְ טוּ דָאס אִין אוּמַאן וַוייל דָארְט קוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ דִי וָואס שִׁיקְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן דִי וָואס ווֹאוֹינֶען אִין פְלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז בִּיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט דָא קַיין מוֹסְדוֹת; כְּדֵי צוּ מְחַזֵק זַיין אַלֶע קִינְדֶער מִיטְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; נָאר תְּפִילָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי עֵצָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ג)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יעקב איידליס** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# ערליכע באזוך פון ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל

מיט גרויס שמחה האבן אנשי שלומינו אין ארץ הקודש אויפגענומען די נייעס אז נאך אסאך תפילות וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל קומען אויף א באזוך צו זיי, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געפארן אויף א קורצע נסיעה צו מחזק זיין די תלמידים און אנשי שלומינו אין ארץ ישראל.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט פון ניו יארק פארלאפענעם מיטוואך נאכט פרשת שמות, און איז אנגעקומען דאנערשטאג פארנאכטס אין ארץ ישראל. לויט'ן פלאן האט דער ראש ישיבה געדארפט זיין דאנערשטאג ליל שישי אין טבריה צו מחזק זיין אנשי שלומינו אין שטאט, למעשה האט זיך עס פארשלעפט און דער ראש ישיבה איז נישט אנגעקומען צו געבן א שיעור. דער ראש ישיבה איז געפארן קיין יבנאל צום הייליגן ציון פון מוהרא"ש זי"ע, און אויך צום ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה. דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעפארן קיין מירון זיך אויסצו בעטן ביים ציון פון הייליגן תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, בפרט יעצט וואס איז די ערשטע ליל שישי פון שובבי"ם וואס איז גאר א געוואלדיגע מסוגל'דיגע צייט פאר ישועות און פאר תיקון המעשים, און דארט איז דער ראש ישיבה אויך צוגעגאנגען צום ציון פון זיין גרויסן זיידן קארלסבורגער רב זי"ע און צום ציון פון רבי יוחנן הסנדלר.

ערב שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט שחרית צוזאמען מיט אנשי שלומינו אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור, עטליכע קינדער זענען ארויף געקומען מאכן סיומים, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט. אזוי ווי מען האט זיך געגרייט אויף א גרויסער עולם געסט וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם דערהויבענעם שבת, האט מען ארויסגענומען אלע טישן פון בית המדרש, און מ'האט אנגעפילט דעם בית המדרש מיט פילע בענק צו אקאמאדירן דעם ערווארטעטן ציבור.

צו מנחה ערב שבת קודש איז צוגעגאנגען דער גבאי מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו, אויף קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אריינגעבלאזן א געוואלדיגע פרישקייט און א געשמאק אין אלע מתפללים, די קינדער זענען געזיצן ארום דעם ראש ישיבה און מיטגעדאווענט מיט די גאנצע חיות. נאכ'ן דאווענען איז מען דורכגעגאנגען געבן שלום און וואונטשן גוט שבת פאר'ן ראש ישיבה שליט"א. עס האט זיך דערקענט פילע געסט פון איבער גאנץ ארץ ישראל, מען האט געזען פילע אנשי שלומינו פון יבנאל, בני ברק, טבריה, ברכפלד און נאך, וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם שבת. דערנאך האט מען אהיים באגלייט דעם ראש ישיבה צום שטוב, אויפ'ן וועג האט דער ראש ישיבה מחזק געווען די בחורים אז זיי זאלן זיך נישט זארגן פאר זייער שידוך, דער אייבערשטער וועט העלפן.

צום סעודה זענען געווען געלאנדעט די טייערע מפיצים וואס גייען ארום טיילן קונטרסים ביי די הייזער, וואס דאס איז די חשוב'סטע זאך ביים ראש ישיבה. ביי די סעודה האט מען אסאך גערעדט פון הפצה, די בחורים האבן דערציילט מעשיות וואס זיי האבן מיטגעלעבט ביים גיין הפצה פון וואס דער ראש ישיבה האט שטארק הנאה געהאט, און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיי שטארק מחזק געווען. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר א בחור ער זאל נישט קומען לערנען אין ישיבה אין אמעריקע, כדי ער זאל קענען ווייטער עוסק זיין אין הפצה אין ארץ ישראל, האט דער בחור געפרעגט "אפשר דארף איך קודם קוקן אויף מיר?", האט דער ראש ישיבה געזאגט "נו, גיין הפצה טוסטו פאר דיר!" דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי די סעודה אז דאס אן "הפצה פארברענג".

דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט אויך געגעסן דארט די סעודה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים "דער מנהל איז געווען מיין חבר זיך צו מחזק זיין אין עבודת השם אנפאנג ווען מיר זענען מקורב געווארן. דאס איז זייער א וויכטיגע זאך צו האבן".

נאך די סעודה איז מען צוריק געקומען אין בית המדרש צום באטע, צוליב די געדרענג פון די פילע אידן וואס זענען געקומען פון איבעראל האט מען אויסגעטיילט קארטלעך פאר שבת, וואס מיט דעם קארטל האט מען געקענט אריינקומען צום באטע. מען האט געזונגען צוזאמען זמירות שבת קודש, אויך אביסל אידישע ניגונים, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די הייליגע שובבי"ם טעג, דער ראש ישיבה האט געזאגט א ווארט וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן "דער פסוק זאגט אז דער אייבערשטער האט געציילט די אידן פאר מתן תורה, און רש"י לייגט צו אז ווייל דער אייבערשטער האט ליב די אידן ציילט ער זיי, פארוואס דייקא פאר מתן תורה? נאר כדי צו קענען מקבל זיין די תורה דארף א איד קודם וויסן אז דער אייבערשטער האט מיר ליב, און מיט די יסוד קען מען שוין מקבל זיין די תורה, אזוי אויך אין פרשת שמות דערמאנט אויך די תורה אז מען האט געציילט די אידן וועגן די ליבשאפט פונעם אייבערשטן צו אידן, ווייל מען גייט יעצט אריין אין די הייליגע שובבי"ם טעג דארף א איד אויך האבן דעם כלל אז דער אייבערשטער האט מיר ליב, אזוי קען מען שוין גרינגער דינען דעם אייבערשטן, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז תיקון שובבי"ם איז נישט נאר אז מען לערנט פינף שעה רציפות, נישט יעדער קען דאס באוויזן, נאר אז מען טוט אביסל פאר'ן אייבערשטן איז דאס זייער חשוב, אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון כיבוד אב ואם, און אויך מעורר געווען וועגן האבן שלום אין שטוב, וואס דאס איז א יסוד ביים הייליגן רבי'ן.

שבת אינדערפרי איז דער ראש ישיבה אנגעקומען אין בית המדרש בערך אכט אזייגער, דער ראש ישיבה האט זיך געזעצט אויף זיין פלאץ לערנען גמרא פאר'ן דאווענען, שפעטער איז דער ראש ישיבה ארויף צום הפצה שטיבל און געשמועסט דארט א שטיק צייט וועגן די חשיבות פון הפצה. דערנאך איז דער ראש ישיבה צוריק אראפ צום בית המדרש און געגעבן א שטיקל שיעור, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם וואס שטייט אז די אידן האבן געוואוסט אז דער אויסלייזער פון די אידן אין מצרים וועט קומען זאגן די ווערטער "פקוד פקדתי", האט דער ראש ישיבה געפרעגט דאס קען דאך יעדער קומען זאגן? אבער די מציאות איז אז נישט. נישט יעדער קען מחזק זיין אידישע קינדער און זיי ארויסנעמען פון זייער גלות, משה רבינו איז געקומען און ער האט אויפגעהויבן כלל ישראל, אזוי אויך זעט מען היינט אז דער הייליגער רבי האט אזעלכע דיבורים וואס זענען מחזק אידישע קינדער אין יעדן מצב וואס מען איז נאר.

<<<<<<


## ובלכתך בדרך

מיטזאגן: משניות, תהלים, תיקון הכללי, תפלת הדרך, בבלי, ירושלמי, תוספתא, חומש, שלחן ערוך, ליקוטי מוהר"ן, און נאך

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 3, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**